


אידיש

בסייעתא דשמיא

# זרע שמשון

**געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וועכענטליכע פרשה.**
צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק
און גאון רבינו **שמשון חיים** ב"ר נחמן מיכאל **נחמני** זלה"ה.
וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין
צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע הינזיכטן - 'בני חיי ומזוני'.



## אמרות שמשון

### די ערד ווערט פיל מיט אידישע קינדער

**וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל פָּרוּ וַיִּשְׁרְצוּ וַיִּרְבּוּ וַיַּעַצְמוּ בִּמְאֹד מְאֹד וַתִּמָּלֵא הָאָרֶץ אֹתָם** (א, ז), עס שטייט אין חז"ל (סוטה יא:), די מאמע'ס האבן געלייגט די נייע געבוירענע קינדער אינדרויסן אויפן פעלד, און ווען די מצרים האבן זיך דערוואוסט דערפון, זענען זיי געקומען זוכן די קינדער, און עס האט פאסירט א נס זיי זענען געווארן איינגעשלינגן אין די ערד, און די מצרים האבן זיי נישט באמערקט. מיט דעם קען מען פארטייטשן דער פסוק **וַתִּמָּלֵא הָאָרֶץ אֹתָם**, דאס מיינט פשוטו כמשמעו, די ערד איז ווירקליך געווארן אנגעפילט מיט אידישע קינדער, צוליב דעם וואס די ערד האט זיי איינגעשלינגן, כדי די מצרים זאלן זיי נישט באמערקן. ('זרע שמשון' פרשתנו אות ג')

### דער אויבערשטער ווארט מען זאל דאווענען און בעטן

**וַיֵּאָנְחוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל מִן הָעֲבֹדָה וַיִּזְעָקוּ וַתַּעַל שַׁוְעָתָם אֶל הָאֱלֹקִים מִן הָעֲבֹדָה** (ב, כג), איידער כלל ישראל האט נישט געבעטן און געשריגן צום אויבערשטן וואלטן זיי נישט געקענט ווערן אויסגעלייזט, וויבאלד זיי האבן נישט פארמאגט קיין זכותים, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (יחזקאל טז, ז) **וְאַתְּ עֵרֹם וְעֶרְיָה**. און נאכמער, זיי האבן מבטל געווען מצות מילה (שמות רבה א, י) און געדינט עבודה זרה (שם כא, ז). און דאס וואס דער אויבערשטער האט צוגעזאגט פאר אברהם אבינו ער וועט ארויסנעמען די אידן פון מצרים (בראשית טו, יד), איז נישט געווען אויב זיי וועלן זיין רשעים און זיי וועלן נישט בעטן מען זאל זיי ארויסנעמען. נאר די הבטחה איז געווען, אויב וועט כלל ישראל זיין ראוי, אדער אפילו אויב זיי וועלן נישט זיין ראוי אבער זיי וועלן בעטן און שרייען צום אויבערשטן, דעמאלטס וועט זיי דער אויבערשטער אויסהערן און אויסלייזן פון גלות.

**דעריבער** פארשטייט מען, נאכדעם וואס משה רבינו איז געראטעוועט געווארן פון פרעה און איז שוין געווען גרייט צו אויסלייזן כלל ישראל, איז ער אנטלאפן פון מצרים פאר אכציג יאר, וויבאלד דער אויבערשטער האט געווארט אז כלל ישראל זאל דאווענען און בעטן, נאר נאכדעם האט משה רבינו גלייך געקענט קומען און ארויסנעמען די אידן פון מצרים. ('זרע שמשון' פרשתנו אות ח')

### כלל ישראל זענען מאמינים בני מאמינים

**וַיַּעַן מֹשֶׁה וַיֹּאמֶר וְהֵן לֹא יַאֲמִינוּ לִי וְלֹא יִשְׁמְעוּ בְּקֹלִי** (ד, א), עס שטייט אין מדרש (שמות רבה ג, טו), ווען משה רבינו האט געזאגט פארן אויבערשטער 'והן לא יאמינו לי' - כלל ישראל וועט מיר נישט גלייבן, האט דער אויבערשטער געענטפערט, 'הן מאמינים בני מאמינים'. לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס זאל משה רבינו בכלל טראכטן אז כלל ישראל וועט אים נישט גלייבן, און וואס איז די תשובה וואס דער אויבערשטער ענטפערט אים.

**מען** קען ערקלערן, משה רבינו האט געהאלטן די סיבה פארוואס עס איז נגזר געווארן גלות אויף כלל ישראל, איז ווייל אברהם אבינו האט געפרעגט (בראשית טו, ח) **בַּמָּה אֵדַע כִּי אִירָשֶׁנָּה**, וואס דאס איז געווען א חסרון אין אמונה - לויט די הויכע מדריגה - פון אברהם אבינו, און אויב כלל ישראל ווערט געשטראפט צוליב דעם, מוז זיין אז זיי האבן אויך א חסרון אין אמונה (ווייל אויב נישט וואלטן זיי נישט באשטראפט געווארן אויף דעם, וויבאלד מען ווערט נישט באשטראפט אויף די עבירה פון די עלטערן אויב מען איז נישט 'אוחז במעשי אבות', דאס הייסט אז מען זינדיגט נישט אליינ'ס מיט די עבירה).

**דעריבער** האט משה רבינו גע'טענה'ט, זיי פארמאגן א חסרון אין אמונה, און זיי וועלן מיר נישט גלייבן. אויף דעם האט אים דער אויבערשטער געענטפערט, דאס איז נישט די סיבה פארוואס עס איז נגזר געווארן גלות מצרים, און כלל ישראל זענען 'מאמינים בני מאמינים' זיי האבן נישט קיין חסרון אין אמונה, זיי וועלן גלייבן וואס דו וועסט זיי זאגן. ('זרע שמשון' פרשתנו אות ט"ו)

### פרעה ווערט באשטראפט פארן פייניגן די אידן

**לָמָה הֲרֵעֹתָה לָעָם הַזֶּה לָמָּה זֶּה שְׁלַחְתָּנִי וגו'. עַתָּה תִרְאֶה אֲשֶׁר אֶעֱשֶׂה לְפַרְעֹה כִּי בְיָד חֲזָקָה יְשַׁלְּחֵם וגו'** (ה, כג - ו, א). מען קען ערקלערן פשט אין די ענטפער פונעם אויבערשטן, לויט די באקאנטע קשיא וואס די מפרשים פרעגן פארוואס איז פרעה באשטראפט געווארן פארן פייניגן די אידן, עס דאך געווען די רצון ה' אז אידן זאלן זיין אין גלות, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (בראשית טו, יג) **וַעֲבָדוּם וְעִנּוּ אֹתָם אַרְבַּע מֵאוֹת שָׁנָה**, דער תירוץ איז (עיין ברמב"ם פ"ו מהל' תשובה ה"ה, ובראב"ד שם), פרעה איז באשטראפט געווארן אויף דעם וואס ער האט אונטערדריקט און געפייניגט כלל ישראל מער וויפיל ער האט געדארפט.

**לויט** דעם קען זיין פשט אין פסוק, ווען משה רבינו זאגט פארן אויבערשטער אז פרעה לאזט נישט ארויס די אידן, און ער האט נאכמער פארשווערט די ארבעט, ענטפערט דער אויבערשטער **עַתָּה תִרְאֶה אֲשֶׁר אֶעֱשֶׂה לְפַרְעֹה כִּי בְיָד חֲזָקָה יְשַׁלְּחֵם וּבְיָד חֲזָקָה יְגָרְשֵׁם מֵאַרְצוֹ**, דאס אז ער אונטערדריקט מער וויפיל עס איז נגזר געווארן אויף כלל ישראל, דאס איז די סיבה פארוואס איז וועל איך אים באשטראפן 'ביד חזקה', ווייל אויף דעם איז נישטא קיין תירוץ אז עס איז ממילא נגזר געווארן גלות אויף כלל ישראל, ווייל ער פייניגט מער וויפיל דער אויבערשטער האט געוואלט. ('זרע שמשון' פרשתנו אות ט"ו)

• הוצאת הגליון והפצתו לזכות •

| לברכה ולהצלחה | לברכה ולהצלחה | לעילוי נשמת | לעילוי נשמת | לעילוי נשמת |
|---|---|---|---|---|
| דניאל אודי בן רג'ינה מלכה<br>שיזכה לברכה והצלחה<br>ולהשלמת העסקאות בקרוב ממש | צבי יצחק דוב בן גיטל חיה<br>וזוג' מרים סאבל בת אסתר<br>ובניהם שמעון יחזקאל, ישעיה, יואל אלעזר<br>שיזכו לסייעתא דשמיא ולהצלחה בכל הענינים | האשה החשובה מרת<br>אסתר פרומט<br>ב"ר משה ע"ה<br>נלב"ע כ"ד טבת ת.נ.צ.ב.ה. | הרה"ח רבי שאול יחזקאל<br>בן מוה"ר אליעזר פאשקעס ז"ל<br>נלב"ע כ"ז טבת תשס"א ת.נ.צ.ב.ה.<br>הוקדש ע"י האחים הרה"ח רבי מנחם בנימין פאשקעס שליט"א<br>והרה"ח רבי משה פאשקעס שליט"א זכות רבנו יעמוד להם להתברך בכל מעשי ידיהם | האשה החשובה מרת רחל לאה ווייס ע"ה<br>בת מוה"ר יקותיאל יהודה זצ"ל<br>אשר עסקה כל ימיה בצדקה וחסד לזולתה<br>נלב"ע כ"ט טבת תשע"ז ת.נ.צ.ב.ה. |

**תרומות למען הפצת תורת זרע שמשון 02-80-80-500 * 347-496-5657 אלפים נושעו בהבטחת הזרע שמשון**

# גבורת שמשון
## סיפורי ישועה

עס פארציילט הרב **שלמה ט.** פון בית שמש יצ"ו:

# מיטן זרע שמשון אין בית דין שטיבל

**מיין** שטענדיגע שאיפה אין לעבן איז געווען צו קענען חתונה מאכן מיינע טעכטער מיט תלמידי חכמים, און געבן מיין חלק זיי זאלן קענען בלייבן ביים לערנען רואיגערהייט, און נישט ווערן געשטערט פון די עול הפרנסה וואס זאל זיי אפהאלטן פון שטייגן און אויסוואקסן בתורה ובעבודה.

**פאר** דעם צוועק האב איך אינוועסטירט אין עטליכע דירות אין א גרויסע פראיעקט וואס האט זיך פאָרמירט אין שטאט בית שמש, מיטן פלאן אז בס"ד אין עטליכע יאר ארום וועלן די דירות געבויעט ווערן, און איך וועל עס קענען איבערגעבן פאר מיינע קינדער צו וואוינען מיט הרחוות הדעת ומנוחת הנפש.

**וויבאלד** אזעלכע סארט פראָיעקטן, ווערן צוערשט געבויעט אויפן פאפיר, און עס נעמט א שיינע פאר יאר פון מען פאנגט אן צו בויען ביז עס ווערט ענדגילטיג גרייט זיך אריינצוציען אין די פארטיגע דירות, איז מיר בלויז פארבליבן צו טראכטן איבער די דירות פון מיינע קינדער, אז איך וועל זיי בס"ד קענען חתונה מאכן בכבוד אן קיין פראבלעמען.

**פון** הימל האט מען אנדערש געוואלט, נאך א קורצע צייט האט אויסגעבראכן א גרויסע מחלוקת צווישן די שותפים און אינוועסטירער, די בוי פלענער האבן זיך גענצליך אפגעשטעלט. אנשטאט מען זאל בויען דירות, האבן די שותפים געבויעט טענות איינע אויף די אנדערע צווישן די ווענט אין בית דין.

**זייענדיג** איינע פון די אינוועסטירער האב איך זיך אומווילנדיג געטראפן אין בית דין שטיבל, צוזאמען מיט נאך עטליכע אידן, דארפנדיג זיך אַמפערן אויף די געלט וואס אונז האבן ארייגעלייגט מיט יושר און ערליכקייט, און ארויסגיין פון די גאנצע פלאָנטער מיט די מינימום געלט שאדן און עגמת נפש.

**די** גאנצע מעשה, האט געקאסט אסאך צייט און עגמת נפש, מען האט געדארפט ארייגלייגן שעות ארבעט צו איבערגיין די פאפירן, קלאר מאכן די פּאַקטן, און נעמען א טייערע טוען רבני וואס זאל אונז פארטרעטן אין בית דין.

**און** אינאיינוועג'ס האב איך געשפירט אז די גאנצע אויסגעהאָרעוועטע געלט וואס איך האב ארייגעלייגט צו קענען חתונה מאכן די קינדער בדרך כבוד, און מיין לעבנ'ס שטרעבונג זיי צו קענען חתונה מיט תלמידי חכמים וואס זאלן קענען זיצן און לערנען אומגעשטערט, איז צובלאזן געווארן ווי א זייפן בלאז, און אויפן בעסטן פאל וועל איך ארויסקומען בלויז מיטן מאָגערע קרן, אפגעזען פון די דירות וואס איך וועל נישט קענען באקומען.

**איבערהויפט** ווען די צייט האט זיך געדרוקט פאראויס, האב איך אנגעהויבן צו פארשטיין אז אונז האבן גאר שוואכע טשאַנסן צו אנהאלטן אונזערע זכותים אינעם פראיעקט, און עס זעט אויס ווי אונז וועלן אלעס פארלירן.

**אין** איינע פון די טעג, האב איך זיך דערמאנט פון די געוואלדיגע סגולה פון לערנען דער ספר זרע שמשון, ווי דער הייליגער מחבר זי"ע זאגט צו זיין קלארע הבטחה: "בתים מלאים כל טוב", וואס דאס איז פונקט געווען וואס איך האב געדארפט געהאלפן ווערן אין מיין שווערע לאַגע.

**איך** האב זיך מקבל געווען צו לערנען יעדן טאג פאר א לענגערע צייט דער ספר זרע שמשון, און נאך יענעם טאג האב איך אנגעהויבן צו לערנען 'זרע שמשון' פאר העכער א שעה און זיך דערקוויקט מיט די הערליכע תורות און מאמרים פון צדיק זי"ע.

**גלייך** נאכן ענדיגן לערנען דער ספר, נאך איידער איך האב עספיעט אויפצושטיין פון מיין ארט, איז מיר פלוצלונג איינגעפאלן א בליציגער איינפאל, א טענה וואס איך האב קיינמאל נישט געטראכט בעפאר, וואס דאס וואלט מיר זייער שטארק געקענט ארויסהעלפן אין די תורה.

**אויפן** ארט האב איך זיך פארבינדן מיטן טוען רבני, וואס האט אונז פארטרעטן אין בית דין, און איך זאג אים איבער מיינע ווערטער, ער איז מורא'דיג נתפעל געווארן דערפון, זאגנדיג ער קען נישט גלייבן ווי אזוי עס איז אים נישט פריער איינגעפאלן אזא זאך.

**ביים** קומענדיגע זיצונג אין דין תורה, האט ער פארגעלייגט די טענה, וואס האט צום ענדע איבערגעדרייט די דין תורה לטובתינו, און אונז האבן זוכה געווען צו באקומען אלעס וואס איז זיך אונז געקומען מיט יושר און רעכט, אן קיין שום שאדן און הפסד ב"ה. זכותו יגן עלינו, אמן.

**לפרסום ישועתכם בזכות לימוד המסוגל הזרע שמשון לזיכוי הרבים:**

ניתן לשלוח את סיפור הישועה: למייל: zera277@gmail.com או להתקשר 05832-80300

או בהשארת הודעה בטל: 02-80-80-600 שלוחה 7


**ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.**

צו באקומען דעם גליון וועכנטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: zera277@gmail.com

אדער קענט איר זיך פארבינדען צו דאס פאלגענדע: **ארץ ישראל** הרב ישראל זילברבערג: 052-716-6450 www.zerashimshon.com

**אמעריקע** הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 mbpaskesz@gmail.com Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204

צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן
ארץ ישראל: 05271-66-450
בארה"ב: 347-496-5657

אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות, צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'

ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17)
סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון
כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי

וזכות הצדיק ודברי תורתו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, וישפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו

זרע שמשון ע"ר 580624120